STEVEN SPIELBERG DIGITAL YIDDISH LIBRARY
NO. 04875

FARVOS ARSENALN IN PALESTINE

P. Novik

*Permanent preservation of this book was made possible
by Henriette Wenkart Epstein*

NATIONAL YIDDISH BOOK CENTER
AMHERST, MASSACHUSETTS

NATIONAL YIDDISH BOOK CENTER
AMHERST, MASSACHUSETTS
413 256-4900 | YIDDISH@BIKHER.ORG
WWW.YIDDISHBOOKCENTER.ORG

•

MAJOR FUNDING FOR THE
STEVEN SPIELBERG DIGITAL YIDDISH LIBRARY
WAS PROVIDED BY:

Lloyd E. Cotsen Trust
Arie & Ida Crown Memorial
The Seymour Grubman Family
David and Barbara B. Hirschhorn Foundation
Max Palevsky
Robert Price
Righteous Persons Foundation
Leif D. Rosenblatt
Sarah and Ben Torchinsky
Harry and Jeanette Weinberg Foundation
AND MEMBERS AND FRIENDS OF THE
National Yiddish Book Center

•

The *goldene pave*, or golden peacock, is a traditional symbol
of Yiddish creativity. The inspiration for our colophon comes from
a design by the noted artist Yechiel Hadani of Jerusalem, Israel.

The National Yiddish Book Center respects the copyright and intellectual property rights
in our books. To the best of our knowledge, this title is either in the public domain
or it is an orphan work for which no current copyright holder can be identified.
If you hold an active copyright to this work – or if you know who does –
please contact us by phone at 413-256-4900 x153, or by email at digitallibrary@bikher.org

פּ. נאָוויק

פאַרוואָס אַרסענאַלן אין פּאַלעסטינע

33

אַרויסגעגעבן פון

אַרבעטער־קאָמיטעט צו באַקעמפן דעם ציוניזם

ניו יאָרק, 1931

נייע ליטעראַטור פון סאָוועטנלאַנד!

מיר האָבן ערשט דערהאַלטן די פאָלגנדע נייע אויסגאַבן פון סאָוועטן־פאַרבאַנד:

מ. גאָרקי — „קינדער יאָרן", ערשטער און צווייטער בוך — — — — — — — — — — — $ .70

מ. גאָרקי—וול. איליטש לענין (וואָס דער גרויסער פּראָלעטאַרישער דיכטער זאָגט וועגן דעם גרויסן רעוואָלוציאָנערן פירער) — — .15

מ. ליטוואַקאָוו—„אויף צוויי פראָנטן" (זאַמלונג אַרטיקלען) — — — — — — — — — .65

אַנטי־רעליגיעזער ליטעראַרישער לייען־בוך (כרעסטאָמאַטיע) — — —, — — — — — — 1.20

לאַפּידוס און אָסטראָוויטיאַנאָוו—פּאָליטישע עקאָנאָמיע. אין פאַרבינדונג מיט דער טעאָריע פון דער ראַטן־ווירטשאַפט — — — — 2.00

מיר האָבן איצט אויך אַ פולע אויסגאַבע פון לענינ'ס ווערק אין אידיש באַשטייענדיג פון זיבעצן ביכער

סטאַלין—„אַ נייע סיטואַציע—נייע אויפגאַבן" סטאַלינ'ס באַרימטע רעדע געהאַלטן דעם 23טן יוני און וועלכע די קאַפּיטאַליסטישע פּרעסע האָט צעדרייט אין איינקלאַנג מיט זייער רעדע געגן דעם סאָוועטן־פאַרבאַנד, ערשט אַרויס אין בראָשור־פאָרם — — — .10

אויך אַנדערע וויכטיגע פּאָליטישע, אַנטי־רעליגיעזע און אַנטי־ציוניסטישע ליטעראַטור, וועלכע מיר קענען נישט אויסרעכענען צוליב מאַנגל אין פּלאַץ. שרייבט פאַר אַ פולן קאַטאַלאָג.

10% עקסטראַ פאַר איבערשיקן די ביכער דורך פּאָסט.

פרייהייט בוכהאַנדלונג און פאַרלאַג

35 איסט 12טע גאַס, ניו יאָרק

צו וואָס אַרסענאַלן אין פּאַלעסטינע?
באַקענט זיך מיט די פאַקטן!

וואָס קומט איצט פאָר אין פּאַלעסטינע?

ווי אזוי שטעלט פאָר די באַלעבאַטישע אידישע פּרע־סע („פאָרווערטס", „טאָג", „מאָרגן זשורנאל", און אַלע פּראָווינץ־צייטונגען) די איצטיגע לאַגע אין פּאַלעסטינע?

זייער איינפאַך. די „אראַבער" זיינען אַלע פּאָגראָמ־שטשיקעס. זיי האָבן איין צוועק—שלאָגן אידן. דעריבער האָט די ענגלישע רעגירונג די אידן באַוואפנט מיט אַר־סענאַלן. אַלע פּראָטעסטן און גענעראַל־סטרייקס פון די אראַבער זיינען דעריבער פּראָוואָקאַציעס געגן אידן, און מער ניט.

איינפאַכער קען שוין גאָרניט זיין. און די געל־שוואַר־צע אידישע פּרעסע וויל, אַז יעדער אידישער אַרבעטער זאָל איר גלויבן אויפ'ן וואָרט.

איז עס אָבער אזוי? וואָס ווילן די אראַבער? ווער זיינען זיי? וואָס טוען די ציוניסטן אין פּאַלעסטינע? ווי קומט עס טאַקע, וואָס מען דאַרף אַרסענאַלן? ווי אזוי האָט עס פּאַסירט, אַז די אראַבישע מאַסן, וועלכע זיינען שטענדיג געווען פריינטלעך צו אידן, זאָלן פּלוצ־לונג פאַרוואַנדלט ווערן אין מאַסן פון פּאָגראָמשטשיקעס,

אָדער אין אַזעלכע, וואָס לאָזן זיך אזוי לייכט פארפירן פון „אגיטאטאָרס"?

א קינד אפילו קען פארשטיין, אז די זאך איז שוין גאָרניט אזוי איינפאך. עס זיינען דאָ טיפע סיבות פאר יעדער געזעלשאפטלעכער באוועגונג, און אזוי איז עס אין פאלעסטינע. אין אַט־דעם ביכעלע וויל דער ארבעטער־קאָמיטעט צו באקעמפן דעם ציוניזם באקענען די אידישע ארבעטער מיט א ריי פאקטן פון דער אמת'ער לאגע אין פאלעסטינע.

באקענט זיך מיט די פאקטן! נעמט ניט אָן פאר גוט געלט וואָס די געל־שווארצע פרעסע זאָגט אייך! זי זאָגט ליגן! זי פירט פראָפאגאנדע!

ווער זיינען די אראבער?

ווי גרויס איז פאלעסטינע?

פאלעסטינע איז א פיצל לאנד, ווייניגער ווי א העלפט די גרויס פון ליטע, סיי אין שטח, סיי לויט דער באפעלקערונג. ליטע פארמאָגט 20,550 סקווער מייל לאנד מיט העכער צוויי מיליאָן איינוואוינער און פאלעסטינע פארמאָגט 8,880 סקווער מייל מיט א באפעלקערונג פון א קארגן מיליאָן. דאָס פיצל לאנד איז דעריבער אזוי געדיכט באזעצט ווי ליטע. עס קען דארום קיין רייד ניט זיין פון אימיגרירן אהינצו, פונקט ווי עס קען קיין רייד ניט זיין וועגן אימיגרירן קיין ליטע.

אָבער פאלעסטינע איז ניט קיין פרוכטבאר לאנד, פארמאָגט ריזיגע געגנטן, וואָס קענען ניט באארבעט

ווערן. דאָס רופט זיך אָפּ אויף דער לאַגע פון דער באַפעלקערונג.

פּאַלעסטינע פאַרמאָגט קאַרגע 800 טויזנט אַראַבער און אַרום 170 טויזנט אידן. ווען די אידן וועלן מיר ריידן שפּעטער. דאָ וועלן מיר ריידן וועגן די אַראַבער. איינס פון די מיטלען פון די ציוניסטן איז צו אויסמישן אַלע אַראַבער אין איין קאַשע און צו מאַכן פאַרגעסן אָן דעם, אַז עס זיינען פאַראַן קלאַסן.

עס זיינען ניטאָ סתם „אַראַבער". עס זיינען דאָ אַלערליי אַראַבער. עס זיינען דאָ אַראַבער — עפענדים (פּריצים) און מופטים („גייסטלעכע"). זיי זיינען שונאים פון די אַרבעטער און פּויערים. עס זיינען אָבער פאַראַן אַראַבער—האָרעפּאַשניקעס, און זיי זיינען די גרעסטע מערהייט.

שרעקלעכע אָרימקייט צווישן אַראַבישע מאַסן

ווייל דאָס לאַנד איז קליין און איינג באַזעצט און ניט פרוכטבאַר, און ווייל עס זיינען דאָ פּריצים און גייסטלעכע, וועלכע הערשן איבער די מאַסן, מיט דער הילף פון דער ענגלישער מאַכט, איז די לאַגע פון די אַראַבישע פּויערים און אַרבעטער זייער אַ שרעקלעכע.

ווען די שאָ־קאָמיסיע, וואָס מאַקדאָנאַלד האָט געשיקט קיין פּאַלעסטינע, האָט דאָרטן „אויסגעפאָרשט" די לאַגע, האָט הערי סנעל, מיטגליד פון דער קאָמיטע, געפרעגט איינעם פון די עדות וויפיל עס פאַרדינט דער אַראַבישער פעלאַך (פּויער). דער ענטפער איז געווען:

— צווישן 11 און 18 פונט א יאָר (צווישן 55 און 90 דאָלאַר)!

דאָס קען געבן א באַגריף פון דער שרעקלעכער אָרימ־קייט פון אַראַבישן פויער.

די אַראַבישע פויערים ווערן אויסגעזויגן פון פּראָ־צענטניקעס און זיינען שטענדיק איינגעטונקט אין חובות. אין דעם „האַלאַמאַן" (פּאַראַויס), אָרגאַן פון דער קאָ־מוניסטישער פּאַרטיי אין פּאַלעסטינע, שרייבט א געווע־זענער פירער פון האמדי על הוסייני'ס „לינקע" נאַציאָ־נאַליסטן:

> „איך ווייס פון א רייכן הענדלער, וואָס האָט געליען איין דאָרף די סומע פון 500 פונט (2500 דאָלאַר), אויף פינף יאָר צייט. נאָך דעם טערמין איז די סומע אויסגעוואַקסן אין 1800 פונט סטער־לינג (9,000 דאָלאַר). צוליב אַזעלכע וואוכערשע פּראָצענטן איז די באַפעלקערונג פון דאָרף גע־צוואונגען צו פאַרקויפן אַלע פּראָדוקטן, אַנדערע האָבן אויך פאַרקויפט טיילן פון זייער באַלעבאַ־טישקייט, און דאָך האָט מען ניט געקענט דעם חוב אָפּצאָלן.
>
> „אונזער פויערטום שטאַרבט פון הונגער, די אימפּעריאַליסטן זויגן אויס זייער בלוט, די אַראַ־בישע פּריצים פאַרקויפן די אינטערעסן פון פאָלק. נאָר א רעוואָלוציע קען איבעראַנדערשן די לאַגע".

אַז די לאַגע איז א האָר ניט איבערטריבן, קען מען זען פון דעם אַרטיקל פון אן ענגלישן אַגראַר־עקספּערט, קלאָד פּ. סטריקלענד אין „קוירענט היסטאָרי" פון אָפּ־

ריל, 1931. דער שרייבער שטרייכט דאָרט זייער שטאַרק אונטער די שרעקלעכע אָרימקייט פון די מאַסן, און אַז דאָס איז פון די זאַכן, וואָס מוזן שטערן די רו פון „לאַנד". עס איז ניטאָ קיין איין בוך וועגן דער פּאַלעסטינער באַפעלקערונג, וואָס זאָל אָט־די אָרימקייט און עלנטקייט פון אַראַבישן פּויער ניט אונטערשטרייכן.

קיין ערד איז ניטאָ

דאָס איז גערעדט געוואָרן וועגן די פּויערים, וואָס זיצן אויף ערד. אָבער דער שליח פון רעמזי מאַקדאָנאַלד, סער דזשאָן סימפּסאָן, איז געווען געצוואונגען צוצוגעבן, אַז כמעט אַ דריטל פון אַלע פּויערים אין פּאַלעסטינע האָבען ניט קיין ערד, גענויער—29,4 פּראָצענט! ווי אַזוי עס איז די לאַגע פון אָט די פּויערים און זייערע פאַמיליעס איז קלאָר. זיי שטאַרבן בוכשטעבלעך פון הונגער!

מען דאַרף גוט געדיינקען, אַז אויף דער גאַנצער קאַפּיטאַליסטישער וועלט הערשט אַ קריזיס. באַזונדערס איז שאַרף דער אַגראַר־קריזיס, וועלכער האָט אפילו די פאַרמער אין אַמעריקע זייער שטאַרק געטראָפן. דער פּויער אין די קאַפּיטאַליסטישע לענדער לײַדט אומגעהויער. נאָך שאַרפער לײַדט דער פּויער אין אַזאַ אָרים לאַנד, ווי פּאַלעסטינע, וואו ערד איז מאָגער און ווייניג, און וואו ער דאַרף טראָגן אויף זיין קאַרק די עפענדים מיט די מופטים, אויסשטיין די ציוניסטישע אַוואַנטיורע, וועלכע דריקט אים צו—ווי מיר וועלן באַלד זען—און אויסשטיין פון ענגלישן יאָך.

וואָס טוט ענגלאַנד אין פּאַלעסטינע?
דער שווינדל מיט דער „אידישער היים"

וועלכער אַרבעטער וועט זיך איצטער לאָזן איינריידן, אַז ענגלאַנד געפינט זיך אין פּאַלעסטינע, ווייל עס גייט איר אין לעבן די „אידישע היים"?

ענגלאַנד האָט אינטערעסן אין פּאַלעסטינע, אימפּע־ריאַליסטישע אינטערעסן. פּאַלעסטינע געפינט זיך לעבן סועץ קאַנאַל, אויפ'ן ברעג פון מיטללענדישן ים, לעבן עגיפּטן, אויפ'ן וועג קיין אינדיע, אויפ'ן וועג צו די אויל־קוואַלן אין מעסאָפּאָטאַמיע (מאָסול) — מיט איין וואָרט, דער ענגלישער אימפּעריאַליזם דאַרף פּאַלעסטינע פאַר זיינע צוועקן. וואָס טוט ער? ער געפינט אַ תירוץ. אַו־מעטום געפינט דער ענגלישער אימפּעריאַליזם (אָדער יעדער אַנדער אימפּעריאַליזם) אַ תירוץ כדי צו הערשן. אין איין אָרט איז עס אין די אינטערעסן פון „ציוויליזאַציע", אין אַן אַנדער אָרט איז עס, כדי צו „באַשיצן" געוויסע טיילן פון דער באַפעלקערונג, און אַזוי ווייטער. אין פּאַלעסטינע איז דער תירוץ — „אידישע היים". די אונטערשטע שורה איז איינע — מען הערשט, מען דריקט אויס דעם זאַפט פון דער באַפעלקערונג ווי יעדע אימפּע־ריאַליסטישע מאַכט טוט אין יעדער קאָלאָניע. מען האַלט זיך מיט דער הילף פון מיליטער, מאַרינען, קריגס־שיפן, פּאַנצער־אויטאָמאָבילן, באָמבען־וואַרפנדיגע עראָפּלאַ־נען. אָט אַזוי האַלט זיך ענגלאַנד אין פּאַלעסטינע. און מען טיילט אויס פאַר'חסמ'עטע אַרסענאַלן אין ציוניס־

טישע קאָלאָניעס, און דעם שליסל צום ארסענאַל גיט מען דעם אָנפּאַרטרויטן מענטשן פון דער קאָלאָניע, אויף ווע־מען ענגלאַנד קען זיך פארלאָזן.

דאָס אַליין איז שוין א סימן, אז די באַפעלקערונג ליידט פון א יאָך, אז מען באַהערשט זי מיט געוואַלד. אַניט וואָלט מען קיין געוואַלד־מיטלען ניט באַדאַרפט.

ווער וויל פאָגראָמען?

א געוואַלד־מאַכט פאַרנעמט זיך אומעטום מיט אָנ־רייצן איין טייל פון דער באַפעלקערונג אויפ'ן אַנדערן. דאָס טוט ענגלאַנד אין פאַלעסטינע. אָט דאָ קומט איר ווידער צונויף די „אידישע היים".

זינט ביי די ציוניסטן איז „פּול געוואָרן די מאָס" געגן ענגלאַנד, פאַר דעם „גרויסן פאַרראַט", איז ביי זיי לויז געוואָרן די צינגער. ווענט איר זען כמעט אין יעדער קאָרעספּאָנדענץ פון א ציוניסטישן שרייבער אין פאַלעס־טינע מורא־דיגע פּראָוואָקאַציעס פון דער ענגלישער רע־גירונג, מיט'ן צוועק אָנצורייצן אידן געגן אַראַבער, אַראַ־בער געגן אידן. און איצט זעען מיר, אז בעת די מאַנדאַ־טאַר־רעגירונג גיט ארויס „ווייסע פּאַפּירן", גייענדיג האַנט אין האַנט מיט די עפענדים און מופטים, גיט זי אין דערזעלביגער צייט די ציוניסטן פאַר'חסמ'עטע ארסענאַלן.

פון סאַמע אָנהויב אָן שפּילט דער ענגלישער אימפּע־ריאַליזם אין פאַלעסטינע א דאָפּלטע שפּיל. דריי מאָל האָט ענגלאַנד צוגעזאָגט די אַראַבער פאַלעסטינע, צוויי מאָל פאַר דער באַלפור דעקלאַראַציע און איין מאָל דער־נאָך, נאָוועמבער 1918, ווען זי האָט צוזאַמען מיט

פראַנקרייך צוגעזאָגט פּאַלעסטינע זעלבסטפּאַרוואַלטונג, אַ פּאַרלאַמענט. אָבער ענגלאַנד האָט אַריינגעוואָרפן די באַלפור דעקלאַראַציע ווי אַ קלין, אַ געגנגעוויכט, און באַלאַנסירט איין נאַציע געגן דער אַנדערער, רייצט איי־נע געגן דער צווייטער, כדי מען זאָל זי דאַרפן האָבן אויף „האַלטן אָרדנונג". אַן אַלטע שפּיל פון „צעטייל און הערש".

די ענגלישע מאַכט אין פּאַלעסטינע איז ניט די איינ־ציגע, וואָס זוכט צו אויפהעצן צו ראַסן־קאַמפן. דאָס זעל־ביגע ווילן די עפענדים און מופטים. ערשטנס, טוען זיי די אַרבעט פון ענגלאַנד, און צווייטנס (אָדער ערשטנס), איז עס שוין די טבע פון אַלע בלוטזויגער און „גייסט־לעכע" צו טאָן אַלץ אין די כחות צו האַלטן זייער „סטאַ־דע" אונטער זייער איינפלוס, כדי „זייערע" אַרבעטער און פּויערים זאָלן זיך ניט אָרגאַניזירן געגן זיי, געגן די עקספּלואַטאַטאָרס.

די ציוניסטן

ראַסן־קאַמף ווילן אויך די ציוניסטן. זיי זוכן פּראָ־וואָקאַציעס, ווייל זיי טוען די אַרבעט פון ענגלאַנד, ווייל זיי האָבן די זעלביגע סאָציאַלע אינטערעסן ווי די אַראַ־בישע עפענדים און גייסטלעכע, און ווייל זיי ווילן „איינ־נעמען דאָס לאַנד". די רעוויזיאָניסטן זאָגן אָפן, אַז מען דאַרף „דאָס לאַנד" איינעמען מיט'ן שווערד, אַרויס־טרייבן דעם אַראַבער, זאָל ער גיין! די ציוניסטישע באַ־לעבאַטישע יוגנט אין פּאַלעסטינע, און די לומפּן־עלעמענ־טען, און די פּאַרטשאַדעטע, זיינען רעוויזיאָניסטיש־פּאַ־

שיסטיש געשטימט! זיי זאָגן אָפן: א אידישע מערהייט אין פּאַלעסטינע, און אזוי ווי דאָס איז ניט מעגלעך אָן גוואַלד־מיטלען (אראבער זיינען 4 מאָל אזוי פיל, און האָבן א גרויסן יערלעכן צוואוואוקס), איז דעריבער ביי זיי אן אָפענע זאך — מען דאַרף עס טאָן מיט כוח. אויף דעם אָרגאַניזירט מען דעם היטלערישן „ברית טרומפּלדאָר". צוליב דעם טרוימט מען פון זשאבאָטינסקי׳ס לעגיאָן.

די רעוויזיאָניסטן זאָגן אָפן, וואָס די ציוניסטן און „סאָציאַליסטישע" ציוניסטן באהאַלטן. אויפ׳ן לעצטן ציוניסטישן קאָנגרעס אין באַזעל האָט מען אָנגענומען די רעוויזיאָניסטישע פּראָגראַם פון א „אידישע מערהייט" אין פּאַלעסטינע. אָבער דאָ קומען מיר צו צו נאָך א זאך, וואָס מיר מוזן באהאַנדלען א ביסל גענויער. דער קאָנגרעס אין באַזעל האָט אויפגעטאָן דריי זאכן:

1. ער האָט אויפגעדעקט דעם באַנקראָט פון דער ציוניסטישער אָרגאַניזאַציע.

2. ער האָט ווידער באוויזן, אז קיין ערד איז ניטאָ אין פּאַלעסטינע.

3. ער האָט באוויזן, אז דער ציוניזם שטיצט זיך אויף באַיאָנעטן.

דער באַזעלער קאָנגרעס

„דער אָרגאַניזירטער עגמת נפש"

א טראַגישער קאָנגרעס, א שווידערלעכער קאָנגרעס, א וויסטע אָנשיקעניש, א גזירה—דאָס איז די אַלגעמיינע

אַפּשאַצונג, וואָס ציוניסטישע קאָרעספּאָנדענטן האָבן דעם זיבעצנטן קאָנגרעס אין באַזעל, געגעבן.

דער שליח פון ווארשעווער — ציוניסטישן, פאַר־שטייט זיך — „מאָמענט" האָט דעם קאָנגרעס אַ נאָמען געגעבן: „דער אָרגאַניזירטער עגמת נפש" („מאָמענט", 12טן יולי). „אַזוי לעבן מיר דאָ אין אַן אַטמאָספערע פון מרה־שחורה און עגמת נפש„, קלאָגט דער קאָרעספּאָנ־דענט. און אויף דער זייט אָקעאַן האָט אַן אַנדער ציוני־ניסטישע צייטונג, דער „טאָג", דערציילט דורכ'ן מויל פון איר קאָרעספּאָנדענט: „די קאָנגרעס־מיל מאָלט פּאַ־מעלעך, מאָנאָטאָן, אין דער שפּעטער פּאַרטאָג־שטונדע. די קאָרעספּאָנדענטן זיינען איינגעשלאָפן, די דעלעגאַטן רייבן זיך די אויגן" („טאָג", 14טן יולי). און צום סוף: „ענדלעך, גאָט זיי דאַנק, האָט זיך דער קאָנגרעס געשלאָ־סען. מיד און האַלב־טויט פון שלאָפלאָזיגקייט האָבן די דעלעגאַטן פּאַרלאָזט דעם קאָנגרעס־זאַל, פיל פון זיי זי־כער מיט אַ געפיל פון דאַנקבאַרקייט, וואָס זיי זיינען אויסגעלייזט געוואָרן פון דער גאָר ניט איבעריג אַנגע־נעמער פליכט פון דאַרפן אויסהערן אַזוי פיל לאַנגוויי־ליגע און אָפט נודנע רעדעס" („טאָג", 16טן יולי).

אין אַ טויטער אַטמאָספערע האָט סאָקאָלאָוו געעפנט דעם קאָנגרעס, דעם 30טן יוני. „אין די 34 יאָר עקזיס־טענץ פון דער ציוניסטישער באַוועגונג איז נאָך קיין קאָנגרעס־פּעריאָד ניט געווען אַזוי דראַמאַטיש און שווער, ווי דער איצטיגער", אַזוי האָט ער אָנגעהויבן. אין משך פון זיין גאַנצער לאַנגווייליגער רעדע האָט זיך קיין האַנט

ניט א הויב געטאָן צום אפּלאָדירן. געווען איז די רעדע אזוי אינהאַלטלאָז און טויט, ווי אינהאַלטלאָז און טויט עס איז די גאַנצע ציוניסטישע באַוועגונג. אויף קיין נחת האָבן זיך די דעלעגאַטן פון סאַמע אָנהויב ניט געריכט. דערפאַר, אפנים, האָבן זיי באַשלאָסן דעם מאָל צו מאַכן עס גאָר קורץ: דער קאָנגרעס זאָל דויערן ניט מער ווי א וואָך. אָבער צען טעג איז מען געשטאַנען פאַר׳ן איינ־איינציגן, טויטן, פונקט: דערקלערן די צילן פון ציוניזם.

מען איז געזעסן אין וויטאָגן זיבעצן טעג, און ניט געוואוסט ווי אזוי מען פאַרענדיגט. ערשט א שעה פאַר דער דערעפענונג פון דער „איידזשענסי״־קאָנפערענץ, האָט מען אויסגעקליבן—„באַי דיזגאָסט״—סאָקאָלאָוו׳ן פאַר פּרעזידענט, כדי די „איידזשענסי״ זאָל האָבן א פּרע־זידענט. פון די העכער 250 דעלעגאַטן האָבן זיך נאָר 166 באַטייליגט אין די פּרעזידענט־וואַלן, 118 פאַר און 48 געגן, און — מען איז אַנטלאָפן ווי פון א מגפה, „מיט א געפיל פון דאַנקבאַרקייט, וואָס מען איז אויסגעלייזט געוואָרן״... ענדלעך, גאָט זיי דאַנק״...

מען סטראַשעט ענגלאַנד און מען דינט איר טריי

נאָך אַלע טענות געגן ענגלאַנד, נאָך ווייז׳ס געשריי וועגן די „פּאַספילד־פּאָגראָמען״, נאָך דעם זשאַבאָטינסקי־שטורעם, האָט מען זיך מיט ענגלאַנד גאַנץ פיין איבערגע־בעטן. אויך די רעוויזיאָניסטן האָבן פאַרגעסן וועגן זייערע מלחמה־דערקלערונגען. און דער ניי־דערוויילטער, איבער־געניצעוועטער, פּרעזידענט פון דער ציוניסטישער אָרגאַ־

ניזאַציע, נחום סאָקאָלאָוו, האָט דערקלערט: „די נייע עקזעקוטיווע וועט קאָאָפּעריִרן מיט דער ענגלישער רע־גירונג". עס איז די אַלגעמיינע מיינונג פון דער גאַנצער ציוניסטישער פּרעסע אַז „ווייצמאַן איז אַוועק, ווייצמאַ־ניזם איז געבליבן". נחום סאָקאָלאָוו—דאָס איז ווייצמאַן, און די גאַנצע עקזעקוטיווע (2 „אַרבעטער"־פּאַרטײַער, 2 אַלגעמיינע ציוניסטן, 1 מזרחי) איז אַ שטיק ווייצמאַן. עס האָט זיך גאָרניט געענדערט. מען וועט מיטאַרבעטן מיט דער ענגלישער רעגירונג. „כל־זמן מיין פּאָליסי האָט מעגלעך געמאַכט צו קאָאָפּערירן מיט דער ענגלישער רע־גירונג, בין איך געווען גליקלעך", האָט ווייצמאַן געזאָגט אויף דער זיצונג פון דער „איידזשענסי". מען וועט קאָ־אָפּערירן און מען וועט זיין גליקלעך. ווי אַזוי אָט־די קאָ־אָפּעראַציע וועט זיך אויסדריקן — אין פּאַלעסטינע, אין „גלות" — האָבן די פירער פון ציוניזם אויך געלאָזט ווייסן אין גאַנץ קלאָרע ווערטער.

דער באַנקראָט פון ציוניזם

7556 נפשות קאָלאָניזירט אין 12 יאָר...

דער רעוויזיאָניסט שטריקער האָט בעת דער פּאָלעמיק אויפ'ן קאָנגרעס אויסגעשריען:

— פאַר דער גאַנצער ווייצמאַן־הערשאַפט זיינען אין פּאַלעסטינע באַזעצט געוואָרן 7,556 נפשות. און אַזוי ווי דער נאַטירלעכער וואוקס פון די אַראַבער איז צוועלף טויזנט נפשות אַ יאָר, האָט ווייצמאַן באַוויזן אין צוועלף

יאָר, וואָס די אַראַבישע מוטערס באַווייזן אין זיבן חדשים...

די „קאָנגרעס־צייטונג״ מעלדעט, אַז די באַמערקונג האָט אַרויסגערופן „הייטערקייט״. מיט יאַשטשערקעס, אַפּנים. מישט איר אויף אין אָפיציעלן באַריכט פון דער ציוניסטישער עקזעקוטיווע צום קאָנגרעס, אויף זייט 245־247, דערזעט איר: יע, 7,556 נפשות האָט דער קרן־היסוד באַזעצט אויף דער ערד זינט 1919. דערפון 1486 פאַמיליעס און 765 איינצלנע.

וויפיל פון זיי זיינען כאָטש באַפעסטיגט? דר. רופּין, דער ציוניסטישער אויטאָריטעט, האָט אין זיין באַריכט דערקלערט, אַז פון די 45 קאָלאָניעס פון קרן־היסוד, זיינען עלף (11) „שוין״ זעלבסטשטענדיג. איז ווען מען זאָל אפילו אָננעמען די מיינונג פאַר ריכטיג, וואָס באַקומט זיך? ניט שייך זאָגן וויפיל מיליאָנען, צענדליגער מיליאָנען דאָלאַר, עס זיינען אין די קאָלאָניעס אַריינגעבראַכט געוואָרן. שטייען זיי אָבער אויף הינערשע פיסלעך און דאַרן איין.

דר. חיים ווייצמאַן האָט דעם 21טן אָקטאָבער, ווען ער האָט רעזיגנירט אויף מאָרגן נאָך פּאַספילד'ס „ווייסן פּאַפּיר״, דערקלערט, אַז פאַר די לעצטע צען יאָר זיינען צוויי הונדערט מיליאָן דאָלאַר אַריינגעבראַכט געוואָרן אין פּאַלעסטינע. די ציוניסטישע פּושקע האָט ניט אויפגע־הערט קלאַפּן, אויפגעבויט אַ ביוראָקראַטישן אַפּאַראַט אין אַמעריקע, וואָס האָט אין 1929 געהאַט אַ מיליאָן דאָלאַר אויסגאַבן, און אַ ביוראָקראַטישן אַפּאַראַט אין פּאַלעס־טינע, מיט געהאַלטן אַזוי גרויס ווי פופצן טויזנט דאָלאַר

א יאָר (הערי סאקער). און מען האָט געשאָטן מיליאָנען אין זאמד. דער רעזולטאט: 7556 נפשות „קאָלאָניזירט" אויף הינערשע פיסלעך זינט 1919...

מנחם מענדל איז דאָ!

ניט פיל בעסער האַלט עס אין די שטעט. די „אינ־דוסטריען" פון פאַלעסטינע באַשעפטיגן 11,063 אַרבע־טער. דער סך־הכל איז 16,095 אַרבעטער (באַריכט פון דער „איידזשענסי"). לויט דעמזעלביגן קוואַל מאַכן אויס אַלע אידישע לאַנד־אַרבעטער און שטאָט־אַרבעטער אין פאַלעסטינע, מיט זייערע פאַמיליעס, 40 טויזנט נפשות. פון וואַנען לעבן די איבעריגע 135 טויזנט — לויט'ן חשבון פון דער אידישער באַפעלקערונג אין פאַלעסטינע, וואָס די „איידזשענסי" מאַכט? דער ענטפער איז, אַז אין פאַלעסטינע איז געשאַפן געוואָרן א פיינע געטאָ, מיט סרסרים, שדכנים, מלמדים, טשינאָווניקעס, קרעמער, שתדלנים, בעטלער, קברים־רייסער, טוקערינס, מנחם מענדלס, דער עיקר—מנחם מענדלס.

און די ענגלישע רעגירונג באַיקאָטירט נאָך אַלץ אי־דישע אַרבעטער און אָנגעשטעלטע אין פאַלעסטינע. די נישטיגע צאָל אידישע אַרבעטער ביי דער רעגירונג, זאָגט דער ציוניסטישער באַריכט (זייט 243) האָט זיך נאָך פאַרקלענערט. סוף מערץ האָבן געאַרבעט ביי דער פאַ־לעסטינער רעגירונג — 150 אידישע אַרבעטער (דאָרט). ביים האַפן אין חיפה, וועגן וועלכן ציוניסטן האָבן אַזוי

פיל געשטורעמט, זיינען באַשעפטיגט — 30 אידן, פון 350 אַרבעטער.

הגם די רעגירונג באַשעפטיגט בכלל ווייניג אַרבעטער, זיינען אָט די דיסקרימינאַציעס אין איינקלאַנג מיט דער פּאָליטיק פון דער ענגלישער רעגירונג, אַ פּאָליטיק פון „צעטייל און הערש". פון איין זייט—אָראָפּטרייבן אַראַבישע פּויערים פון זייער באָדן, געבן באַגלויבטע אייגענע מענטשן פאַר׳חסמ׳עטע אַרסענאַלן, שטיצן די אוואַנטיורע פון „איינגעמען דאָס לאַנד" און „איינגעמען די אַרבעט", און פון דער אַנדערער זייט—צו־וואַרפן די אַראַבישע מאַסען אַ ביינדל, און דיסקרימינירן געגן אידישע אַרבעטער, און ווידעראַמאָל פּרובירן צעטיילן די אַרבעטער־רייען. עס טרעפן פאַלן, ווען די ענגלישע רעגירונג שטעלט אומישנע אָן אין אירע געצייל טע אונטערנעמונגען אַרבעטער פון איין נאַציאָנאַליטעט און דערנאָך באַזעצט זי זייערע ערטער מיט אַרבעטער פון אַן אַנדער נאַציאָנאַליטעט, אַלץ כדי אויפבלאָזן די פלאַמען פון ראַסן־האַס, און ווידער קריגן דעם אויסרייד, אַז ענגלאַנד מוז האַלטן פּאַלעסטינע אין אירע הענט, אַניט וועט מען זיך איינער דעם אַנדערן קוילענען. אָט די פּאָליטיק, אָבער הויפּטזעכלעך די ציוניסטישע אוואַנטיורע גופא—דורכפירן אַ אימיגראַציע אין אַן אָרים און באַזעצט לאַנד — האָט געשאַפן אין פּאַלעסטינע אַ גרויסע אומפּראָדוקטיווע אַרמיי פון אידישע מנחם מענדלס.

די געטאָ פון די אומפּראָדוקטיווע, לופט־מענטשן, וואָס דער ציוניזם שאַפט אין פּאַלעסטינע—ווייל דאָס איז אין דער טראַדיציע פון אידישן שאָוועניזם, ווייל

דאָס לאַנד איז באַזעצט, ווייל די רעגירונג פירט איר פּאָ־ליטיק — האָט שווער געמאַכט די רייד פון די, וואָס האָ־בען אין באַזעל גערעדט וועגן פּאַלעסטינע. נאָך שווערער—ווען עס האָט זיך געהאַנדלט וועגן באָדן, לאַנד.

— וואָס קומט אַרויס, אַז איר וועט באַשאַפן נאָך אַ תל־אביב, אַז איר וועט באַזעצן די שטעט (אויב עס וועט זיין אימיגראַציע) בעת דאָס לאַנד אַרום איז אַראַביש!

העכער פון אַלעמען האָט דאָ געשריען אוסישקין, דער הויפּט פון ציוניסטישן ק״ן־קימת. דער באָדן, דער באָדן! דער אַלטער געשריי זיינער.

— צו ווען עס וועט געהערן דער באָדן, דער וועט דער הערשער פון לאַנד זיין. איר קענט ברייינגען קיין תל־אביב אַ מיליאָן מענטשן, איר קענט אויסבויען פאַב־ריקן און וואָלקן־קראַצער. ווען דער באָדן וועט געהערן אַ פרעמדן פויערים־פאָלק, וועט דאָס לאַנד ניט זיין ארץ־ישראל, נאָר עס וועט בלייבן פּאַלעסטינע.

דאָס לאַנד איז באַזעצט

אַזוי האָט אוסישקין גערונערט און דער עולם דע־לעגאַטן האָט אַפּלאָדירט יעדן רוף פאַר׳ן „איינגעמען דעם באָדן״. אָבער דער באָדן האָט זיך נאָך אַלץ ניט געלאָזט „איינגעמען״ אויף מער ווי זעקס פּראָצענט. דאָס קולטי־ווירבאַרע לאַנד איז באַזעצט, און דאָס איבעריגע איז וויסטעניש (אַ טייל פאַרמאָגט די רעגירונג). דער קאָנגרעס האָט געקלאָגט אויף דעם געזעץ, וואָס די פּאַלעסטינע־רעגירונג האָט איצט דורכגעפירט, צו „באַשיצן״ אַרענ־

דאָר־פּויערים (טענענט־פּאַרמער), מען זאָל ניט קענען פאַרקויפן דאָס לאַנד וואָס זיי באַאַרבעטן. אין וואָס די „שוץ״ באַשטייט איז זייער שווער צו זאָגן, ווען מען ווייסט ניט גענוי דעם כאַראַקטער פון געזעץ. אָבער די קלאָג־רייד פון די ציוניסטן איז וויכטיג צו פאַרשרייבן.

דאָס איז דערזעלבער געזעץ, וואָס די פּאַלעסטינער רעגירונג האָט פּרובירט דורכפירן אין 1928 און וואָס דער באַריכט צום קאָנגרעס אין ציריך האָט וועגן אים געזאָגט (זייט 15, ענגלישע אויסגאַבע), אַז ער, דער געזעץ, וועט אָנרירן די גאַנצע ציוניסטישע קאָלאָניזאַציע אין פּאַלעסטינע. איצט האָט מען אים דורכגעפירט. האָט מען געקלאָגט. די קלאָג־רייד באַשטעטיגן ווידער—וואָס מען ווייס—אַז יעדעס שטיקל ערד, וואָס ציוניסטן קויפן אין פּאַלעסטינע, איז ערד, פון וואַנעט מען טרייבט אַראָפּ אַן אַראַבישן פּויער.

די ציוניסטן דופען אויף באַיאָנעטן

און דאָס אַלץ—דאָס אָפּנעמען די ערד ביי די אַראַבישע פּויערים, דאָס איגנאָרירן די בעדואינער, דאָס דינען דעם ענגלישן אימפּעריאַליזם, דער ראַסן־האַס, וואָס די ציוניסטישע אַוואַנטיורע פאַרשפּרייט—דאָס אַלץ דערמאָנט אָן דעם וואולקאַן, וואָס פּאַלעסטינע שטעלט מיט זיך פאָר. און דאָס דערמאָנט די רייד פון דעם פּאָליטישן באַריכט־אָפּגעבער אויפ׳ן קאָנגרעס, פּראָפעסאָר ז. בראָדעצקי. ער האָט געזאָגט:

„מיר זיינען מיט דער מיינונג, אז די פראַגע פון דער זיכערקייט אין פּאַלעסטינע איז נאָך ניט געלייזט און עס וועט זיין איינע פון די וויכטיגע אויפגאַבן פון דער פּאָליטישער קאָמיטע און דער קומענדיגער עקזעקוטיווע די זיכערקייט־פראַגע צו באַהאַנדלען. אן אָפּקלאַנג אין דער טעטיגקייט פון דער רעגירונג בנוגע דער זיכערקייט קען מען זען אין דעם, וואָס אין דעם בודזשעט פאַר פּאַלעס־טינע זיינען די אויסגאַבן פאַר מיליטערישע און פּאָליציי־צוועקן גרעסער געוואָרן. דאָס איז אויך איינער פון די וויכטיגסטע פאַקטאָרן, וואָס מיר מוזן נעמען אין אכט, ווען מיר ריידן איבערהויפּט פון די פינאַנצן פון דער רעגירונג אין פּאַלעס־טינע". („קאָנגרעס־צייטונג", אָפיציעלער אָרגאַן פון ציוניסטישן קאָנגרעס, נומער 2, זייט 15).

אַלע פראַזן פון די ציוניסטן, אז זיי שטיצן זיך ניט אויף באַיאָנעטן, אויף דער געוואַלד־מאַכט פון ענגלישן אימפּעריאַליזם, ווערן צעשמעטערט דורך די רייד פון זייער אייגענעם פּאָליטישן באַריכט־אָפּגעבער, געוועזע־נער און אויך איצטיגער מיטגליד פון דער עקזעקוטיווע.

די „סאָציאַליסטישע" ציוניסטן

עס וועט, פאַרשטייט זיך, קיינעם ניט דאַרפן וואונ־דערן, וואָס די „סאָציאַליסטישע" ציוניסטן זיינען מסכים צו א פּראָגראַם פון באַרויבן פויערים פון זייער שטיקל ערד און פון דופען אויף באַיאָנעטן. פאַרוואָס ניט? איז

עס דען ניט אין איינקלאַנג מיט די מעשים פון זייער גע־נאָסע מאַקדאָנאַלד אין אינדיע? איז עס ניט אין איינ־קלאַנג מיט דער פּראָגראַם פון צווייטן („סאָציאַליסטישן") אינטערנאַציאָנאַל אין אַלע קאָלאָניעס?

ניט נאָר זיינען די „סאָציאַליסטישע" ציוניסטן מסכים, נאָר זיי זיינען די הויפּט־שטיצע פון ציוניזם! די פּאָליטיק פון ציוניזם איז זייער פּאָליטיק. ווייצמאַן האָט זיי דערקלערט אין באַזעל: „אייער ציוניזם איז דער אמת'ער ציוניזם". און ווען ווייצמאַן איז אַראָפּ פון בייג־קעל, איז ער געקומען זיך קושן מיט די „סאָציאַליסטישע" ציוניסטן, און אין קאָנגרעס־זאַל—אין באַזעל—האָט ער זיך אָוועקגעזעצט צווישן זיי.

אויך דאָס איז ניט קיין וואונדער. אין אַלע לענדער זוכט די בורזשואַזיע זיך אָנצושפּאַרן אויף די „סאָציאַ־ליסטן". דאָס זעלביגע מיט דער אידישער בורזשואַזיע. דורך די מאַקדאָנאַלדס, מעטיו וואָלס און שלעזינגערס זוכט מען צו פאַרשקלאַפן די אַרבעטער. דורך „סאָציאַ־ליסטישע" פראַזן וויל מען אַריינציען דעם אַרבעטער אין די מחנות פון כל ישראל, כדי אָפּצוציען אים פון קאַמף געגן קאַפּיטאַליזם, אָפּזונדערן אים פון די „גוי'אישע" אַרבעטער.

די „סאָציאַליסטישע" ציוניסטן פלעגן פריער טרו־מייטערן וועגן די „קבוצות" (קאָמונעס) און דערמיט פּרובירט פאַרפירן אַרבעטער. קיין וואונדער ניט, וואָס די לעצטע צייט איז שטיל געוואָרן וועגן דעם. דער באַ־ריכט אין באַזעל האָט איבערגעגעבן, אַז אין אַלע קבוצות געפינען זיך 2143 נפשות, און אַז דער פּראָצעס גייט אויף

צוריק. די „איידזשענסי“ איז לחלוטין געגן „קבוצות“ און זיי ווערן מער ניט געשאפן. די „קבוצות“ זיינען אן אוואנטיורע אין אן אוואנטיורע, און האבן נאך שענדלעכער באנקראטירט. מען קען ניט שאפן קיין קאמונעס אין א קאפיטאליסטיש לאנד, בפרט נאך אין א אימפעריאליסטישער קאלאניע!

ציוניזם באדייט — רעאקציע

דער געבורט פון ציוניזם

אט דא קומען מיר צום אמת׳ן צוועק פון ציוניזם!

עס גייט ניט אין פאלעסטינע—ס׳איז אן ארימע געגענט, און א באזעצטע. די ציוניסטן טראכטן ניט פון פארן אין פאלעסטינע. דער באנקראט פון פאלעסטינע איז שוין פון לאנג א קלארע זאך!

פונדעסטוועגן וועט די אידישע בורזשואזיע דעם ציוניזם ניט אויפגעבן, ווייל זי דארף אים אין „גלות“, פאר אירע צוועקן!

דער ציוניזם איז געבוירן געווארן מיט 34 יאר צוריק, אין 1897, אין דער צייט, ווען די אידישע ארבעטער באוועגונג האט אנגעהויבן אויסוואקסן. שוין דעמאלט האט דער ציוניזם געדינט דער בורזשואזיע כדי אפצוהאלטן די אידישע ארבעטער, זיי זאלן זיך „ניט מישן מיט די גוים“. און ווען די רעוואלוציע האט זיך געשטארקט, האט מען באשאפן די „ציוניסטן־סאציאליסטן“, „פועלי ציון“ — אבי צו איינהאלטן די אידישע ארבעטער.

פון פּלעווע ביז האַמילטאָן פיש

אַט איז אַ צעטל נעמען. פאַרשרייבט זיך עס אין זכרון:

פּלעווע. אבדול האַמיד. פּעטליורע. גאָווערנאָר פולער. מעטיו וואָל. האַמילטאָן פיש. פּילסודסקי.

אַ פיינער צעטל.

ווער איז געפאָרן צו פאָן־פּלעווע, און אים אָנגעוויזן אויף דער הילף פון ציוניזם אין קאַמף געגן די רעוואָלוציאָנערע אָרגאַניזאַציעס?

— דר. הערצל! דער טאַטע פון פּאָליטישן ציוניזם איז געפאָרן צום היינקער פון קעשענאָוו!

ווען האָט פּלעווע דערלויבט אָפּצוהאַלטן אין צאַרישן רוסלאַנד אַ צוזאַמענפאָר?

— די ציוניסטן! בעת אַלץ איז געווען פאַרבאָטן, האָט מען זיי דערלויבט אָפּהאַלטן אַ צוזאַמענפאָר אין מינסק, וואו די דעמאָלטיגע אַרבעטער־אָרגאַניזאַציעס, „בונד", „איסקרא", האָבן זיך אַנטוויקלט.

הערצל איז דערנאָך געפאָרן קלאַפּן אין די טירן פון דעם היינקער, סולטאַן אבדול האַמיד. און פּונקט ווי ער איז געפאָרן צום פּאָגראָם־מאַכער פּלעווע, אַזוי האָט זשאַבאָטינסקי געשלאָסן אַן אָפּמאַך מיט'ן בלוטיגן פּאָגראָם־שטשיק פּעטליורע (דער אָפּמאַך איז געשלאָסן געוואָרן אין קאַרלסבאַד, דעם 4טן סעפּטעמבער, 1921, אין דער צייט פון ציוניסטישן קאָנגרעס, צווישן זשאַבאָטינסקי'ן און פּעטליורע'ס פאָרשטייער אין פּראַג, מאַקסים סלאַווינסקי. אַ פאַרטרעטער פון ענגלאַנד, קוירנעל פּעטערסאָן,

איז געווען דערביי. די ליבּשאַפט צווישן ציוניזם און פּעטליורע׳ן האָט זיך אויך אויסגעדריקט דורכדעם, וואָס דער „סאָציאַליסטישער״ ציוניסט רעוואוצקי, אַ פּועלי ציון, איז געווען ביים פּאָגראָמשטשיק אַ מיניסטער).

און ווער האָט איינגעלאַדן דעם היינקער פּיז סאָקאָ און וואַנזעטי, גאָווערנאָר פולער, אַלס ערן-גאַסט אויף זייערן אַ באַנקעט?

— די ציוניסטן! זיי האָבן עס געטאָן אין באָסטאָן, עטלעכע חדשים נאָך דעם מאָרד!

און די ציוניסטן שטיצן פּילסודסקי׳ן.

ביטערע שונאים פון סאָוועטן־פאַרבאַנד

עס איז ניט קיין וואונדער, אַז אַזאַ רעאַקציאָנערע, שאָוויניסטישע באַוועגונג, וואָס שטיצט זיך אויף אימ־פּעריאַליזם, זאָל אַרויסשטעלן האַמילטאָן פיש אַלס רעד־נער אויף אַלע אירע שמחות. אָבער דאָ באַרירן מיר אַן אַנדער פּונקט — די ביטערע שנאה פון די ציוניסטן צו דעם סאָוועטן־פאַרבאַנד.

די אידישע בורזשואַזיע, — דאָס הייסט, די ציוניס־טען — האָבן געשטיצט פּעטליורע׳ן, דעניקינ׳ען, יודע־ניטש׳ן, קאָלטשאַק׳ן, יעדן היינקער און פּאָגראָמשטשיק, וואָס איז געגאַנגען פאַרניכטן די סאָוועטן־מאַכט. די ציו־ניסטישע צייטונגען פאַרליימדן די סאָוועטן־רעגירונג, די יעווסעקעס (אידישע קאָמוניסטן). די ציוניסטן האָבן חוזק געמאַכט פון „קרים״, דאָס הייסט פון די פאַרזוכן פון דער סאָוועטן־רעגירונג צו לייזן די אידישע פראַגע דורך

אידישער קאָלאָניזאַציע און אינדוסטריאַליזאַציע. אַזאַ לייזונג פון דער אידישער פראַגע קלאַפּט די ציוניסטן אי־בער די קעפּ. אָבער דער עיקר—זיי זיינען פאַר קאַפּיטאַ־ליזם און רעאַקציע, און דעריבער טויג זיי ניט אַן ארבע־טער־מאַכט, דאַרף מען זי פאַרניכטן דורך אַ בלוטיגער אינטערווענציע—אַלץ איינס צי דורך אַ קאָלטשאַק, אָדער אַ פּעטליורע!

אָט דעריבער די נאָענטקייט פון האַמילטאָן פיש מיט די ציוניסטן! און דעריבער איז דר. סיירוס אַדלער, פּאָרזיצער פון דער ציוניסטישער אידזשענסי אין באַזעל, אריינגענומען געוואָרן אין דער „קאָמיטע פון 100", וואָס מעטיו וואָל האָט געגרינדעט, כדי צוצוגרייטן די מילי־טערישע אינטערווענציע געגן סאָוועטן־פאַרבאַנד!

ציוניזם—אַ מיטל פון די עקספּלואַטאַטאָרס!

דער פאַבריקאַנט, דער לייבאָר פייקער—זיי דאַרפן דעם ציוניזם. דאָס איז אַ מיטל צו אויסזויגן דעם אידישן ארבעטער, צו האַלטן אים ביי זיך.

דער טעמעני פּאָליטישן, דער קאָרופּטער רעפּובליקאַ־נישער וואָרד־פּאָליטישן און גענגסטער־שותף איז אַ ציוי־ניסט. די „אַמעריקאַן פלעג" איז אַ מיטל, די ציוניסטישע פלעג איז אויך עפּעס ווערט. אַבי דורכפירן וואָס מען וויל.

פון אַלע נפשות, וואָס פאַכען מיט דער ציוניסטישער פלעג וועלן מיר אָנווייזן אויף אַזאַ ווערימדיגן טיפּ, ווי סעמיועל מאַרקאָוויטש, דער גענגסטער־לאָיער. ער איז אַ ציוניסט. אין פּיטסבורג, ביי דער קאָנווענשאָן פון דער

ציוניסטישער אָרגאַניזאַציע פון אַמעריקע, איז ער געווען דער הויפּט פון דער רעזאָלוציע־קאָמיטע. מאַרקאָוויטש!

וועלכער נאָדל־אַרבעטער קען ניט אָט דעם גענגסטער־לאָיער, די געמיינע בריאה, וואָס האָט מאַסן אַרבעטער און אַרבעטערינס פאַרשיקט אין טורמע—צוליב די פּעטע דאָלאַרן, וואָס ער קריגט פון די לייבאָר־פּייקערס?

און וועלכער נאָדל־אַרבעטער קען פאַרגעסן די ריכטער פון ציוניזם און קאָרופּציע — ראָזאַלסקי, גודמאַן, וועלכע האָבן געשיקט סטרייק־פּיקעטס אין טורמע? און ווער געדיינקט עס ניט ווי דער ציוניסט יוסף בּאַראָנדעס איז געקומען באַגריסן דעם קאָרופּטן, איצט שוין אַרונטערגע־זעצטן, ריכטער עוואַלד פאַר שיקן פּאָריער־פּיקעטס אין טורמע?

און נאָך איינער—נעלסאָן רוטנבערג, געהילף פּאָליס־קאָמישאָנער פון ניו יאָרק, רעכטע האַנט פון גראָווער וועהיילען און מאָלרוני. ער איז אַ מיטגליד פון דער עק־זעקוטיווע פון דער ציוניסטישער אָרגאַניזאַציע אין אַמע־ריקע!

טעמעני־לייט, צעפּוילטע ברואים, גענגסטער־טיפּן, קאָנטער־רעוואָלוציאָנערן, סאָוועטן־פרעסער—אָט זיי זיינען ציוניסטן, אָט זיי זיינען פריינט פון ציוניזם!

גיט אייער ענטפער!

ווער זיינען די „באַנדיטן“?

אידישע אַרבעטער! וואָס דאַרף זיין אייער שטע־לונג צו דער באַוועגונג פון אַוואַנטיוריזם, רעאַקציע,

אימפעריאַליזם, קאָנטער־רעוואָלוציע, עקספּלואַטאַציע, סאָ־
וועטן־שונאים?

אַז אַרבעטער קען האָבן צו אַזאַ באַוועגונג נאָר איין
שטעלונג — באַקעמפן זי! ביטער באַקעמפן! שטענדיג
באַקעמפן!

אַז אַרבעטער מוז שטיצן די באַוועגונג פון די מאַסן
אין פּאַלעסטינע צו באַפרייען זיך פון אימפּעריאַליסטישן
יאָך—און פון די דינער פון אימפּעריאַליזם—פּונקט ווי
יעדער אַרבעטער מוז שטיצן דעם קאַמף פון יעדער קאָ־
לאָניע געגן אימפּעריאַליזם! די באַוועגונג פון די מאַסן
אין פּאַלעסטינע איז נאָר א טייל פון דער באַוועגונג אין
אַלע קאָלאָניאַלע לענדער. הערט זיך ניט צו צו די גע־
שרייען, אַז די אַראַבער זיינען „פּאָגראָמשטשיקעס".
שטענדיג, ווען אַרבעטער סטרייקן, ווען אַרבעטער און
פּויערים קעמפן געגן אונטערדריקונג און עקספּלואַטאַציע,
באַנוצט זיך די בורזשואַזיע מיט שענדלעכע בלבולים.
סאַנדינאָ און זיינע מיטקעמפער אין ניקאַראַגוא ווערן
אָנגערופן „באַנדיטן", ווייל זיי קעמפן געגן אימפּעריאַ־
ליזם און זיינע אַגענטן. אַזוי מיט די אַרבעטער און פּויע־
רים אין כינע, מעקסיקאָ, און אומעטום: די קאַפּיטאַליס־
טען שטעלן זיי שטענדיג פאָר ווי „באַנדיטן" און „פּאָ־
גראָמשטשיקעס", בעת די אמת'ע באַנדיטן און בלוטזויי־
גער זיינען די אימפּעריאַליסטן גופא און זייערע משרתים.

די ציוניסטן אין פּאַלעסטינע, וועלכע שרייען אַזוי
וועגן נאַציאָנאַלע אינטערעסן, שטעלן זיך ניט אָפּ פון
פאַראייניגן זיך מיט פּאָגראָמשטשיקעס אין גלות און פון
עקספּלואַטירן אַראַבער, כדי רייך צו ווערן, און צוזאַמען

מיט די עפּענדים און מופטים און ענגלישע זשאַנדאַרן פאַרשפּאַרן זיי אין טורמע סיי אַראַבישע און סיי אידישע אַרבעטער, און ווענדן אָן געגן זיי מיטלאַלטערלעכע אינק־וויזיציעס (שמייסן, א. אז. וו.), אַלץ כדי צו באַשיצן די מאַכט פון די עקספּלואַטאַטאָרס.

וואָס־זשע וועט זיין מיט׳ן „אידישן פאָלק״?

און טאָמער קומען ציוניסטן און פרעגן: וואָס וועט זיין מיט דער אידישער פראַגע? איז דאָ איין ענטפער:

— אז דער ציוניזם פאַרענטפערט ניט די אידישע פראַגע, דאָס זעט שוין יעדער איינער. פאַרקערט, דער ציו־ניזם פירט צו ראַסן־האַס און אַנטיסעמיטיזם, ווי מיר זעען עס אין פּאַלעסטינע. דערפאַר זעען מיר אָבער, אַז אין איין לאַנד ווערט יע געלייזט די אידישע פראַגע, און דאָס איז דאָס לאַנד, וואָס די ציוניסטן האַסן אזוי שטאַרק —סאָוועטן־פאַרבאַנד!

אָט דאָרט ווערט געלייזט די אידישע פראַגע! ווייל די גאַנצע נאַציאָנאַלע פראַגע ווערט געלייזט! ווייל קיין שום נאַציאָנאַליטעט דריקט ניט די אַנדערע! ווייל מען גייט ביי קיין אַנדער נאַציאָנאַליטעט גאָרניט צונעמען! ווייל מען פּראָוועט ניט קיין קאָלאָניזאַציע, אָדער אינ־דוסטריאַליזאַציע, מיט דער הילף פון באַיאָנעטן!

ניט געקוקט אויפ׳ן חוזק און אויף די שטערונגען פון די ציוניסטן, איז קאָלאָניזאַציע און אינדוסטריאַליזאַציע פון אידן אין סאָוועטן־פאַרבאַנד אַ דערפאָלג. דער מנחם מענדל איז שוין פּראָדוקטיוויזירט. די אייביגע „אידי־

שע פראגע" איז געלייזט. א ניי לעבן, א נייע אידישע קולטור, מיט אידישע געריכטן, אינסטיטוטן, טעאטערס, מוזייען, סאָוועטן. פיר אידישע אויטאָנאָמע ראַיאָנען. בירא־בידזשאַן, צוויי מאָל אַזוי גרויס ווי פּאַלעסטינע, בויט זיך ווי אַ אידישע רעפּובליק. און מען אימיגרירט אין בירא־בידזשאַן פון ליטע, פון ארגענטינע, און פון די פאַראייניגטע שטאַטן!

דער אַלטער אמת, וואָס רעוואָלוציאָנערן האָבן נאָך מיט צענדליגער יאָרן צוריק פּראָקלאַמירט: נאָר אין דער פאַראייניגונג פון אַלע האָרעפּאַשניקעס פון אַלע נאַציאָ־נאַליטעטן, און נאָר אין דער אָפּשאַפונג פון קאַפּיטאַליזם —וואָס קען קומען נאָר פון אַזאַ פאַראייניגונג—ליגט די לייזונג פון דער אידישער פראַגע! די אידישע פראַגע קען געלייזט ווערן נאָר אין אַ סאָציאַליסטישער געזעל־שאַפט!

אידישע און אַראַבישע האָרעפּאַשניקעס מוזן זיין פאַראייניגט

אין דעם איצטיגן מאָמענט, ווען דער פאַרצוויפּלטער ענגלישער אימפּעריאַליזם זוכט פון איין זייט צו שטיצן זיך אויף די עפענדים און מופטים, כדי צו אָפּצונאַרן די אַראַבישע מאַסן, זיי זאָלן ניט טאָן דאָס אייגענע וואָס אין אינדיע און כינע טוט מען, און פון דער אַנדערער זייט גיט דער ענגלישער אימפּעריאַליזם זיינע אַנפאַרטרוי־טע ציוניסטן פאַר'חסמ'עטע אַרסענאַלן,—מוז יעדער אי־דישער אַרבעטער נאָך שאַרפער אויסדריקן זיין פּראָטעסט

געגן דער ציוניסטישער אוואַנטיורע! זאָל דער לאָזונג זיין: אידישע און אַראַבישע אַרבעטער און פּויערים פון פּאַלעסטינע, פאַראייניגט זיך געגן אייערע שונאים פון אַלע זייטן — די ענגלישע אימפּעריאַליסטן און די ציוניסטישע און אַראַבישע אוואַנטיוריסטן און עקספּלואַטאַטאָרס!

אין איצטיגן מאָמענט, ווען דער וועלט־קאַפּיטאַליזם זוכט אַן אויסוועג פון קריזיס דורך אַ מיליטערישן אָנפּאַל אויפ'ן ססר״ר־פּאַרבאַנד, און דער ציוניזם, ווי יעדער שאָוויניזם, איז אַן אינסטרומענט אין די הענט פון דער קאָנטר־רעוואָלוציע, מוז יעדער אַרבעטער ווידעראמאָל שאַרף אַרונטעררייסן דעם ציוניזם, און שטיצן דעם „אי־קאָר״, וועלכער העלפט דער קאָלאָניזאַציע אין ביראָ־ביד־זשאַן.

נידער מיט דער ציוניסטישער אוואַנטיורע, וואָס גייט אויפ'ן לעבן פון אָרימען אַראַבישן פּויער!

נידער מיט די אַגענטן פון ענגלישן אימפּעריאַליזם!

נידער מיט די ציוניסטן, וואָס פּראָווען אַ בלוטיגע „קאָלאָניזאַציע“, מיט דער הילף פון באַיאָנעטן!

נידער מיט די שותפים פון פּלעווע, פּעטליורע, פּיל־סודסקי, פולער, פּיש, ווהיילען און וואָל!

זאָל לעבן דער ססר״ר־פּאַרבאַנד, וואו עס ווערט גע־לייזט די אידישע פראַגע!

זאָל לעבן דער „איקאָר"!

זאָל לעבן דער פאַרבאַנד פון אַלע האָרעפּאַשניקעס אין פּאַלעסטינע, אָן אונטערשייד פון נאַציע!

זאָל לעבן דער קאַמף פאַר אַ פרייען סאָוועטישן אַראַ־ביסטאַן, וואו דאָס לעבן פון אַלע איינוואוינער—אַראַ־בער, אידן און אַנדערע—וועט זיך אַנטוויקלען פריי און ברידערלעך, אויף סאָציאַליסטישע יסודות!

אַבאָנירט זיך פאַר'ן באָלשעוויסטישן
חודש־זשורנאַל

דער האַמער

אין יעדן נומער אַן אוצר פון
ליטעראַרישן און וויסנשאַפט־
לעכן מאַטעריאַל. וויכטיגע פּאָ־
ליטישע, עקאָנאָמישע און גע־
זעלשאַפטלעך־קולטורעלע אַר־
טיקלען אין ליכט פון לעניניזם.
לידער און דערציילונגען פון די
בעסטע אידישע פּראָלעטאַריש־
רעוואָלוציאָנערע שרייבער אין
אַמעריקע און אין אויסלאַנד.

אילוסטראַציעס און צייכענונ־
גען פון אנערקענטע רעוואָלו־
ציאָנערע מאַלער.

רעדאַקטאָר:
מ. אָלגין

קאָלעגיע:
קלמן מרמר
י. סולטאַן
מ. אָלגין

פּרייז — — — — — — — — $2.50 אַ יאָר

H A M M E R

50 EAST 13th STREET · NEW YORK